**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

וְלֹא יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ...

בעזרת השי"ת ▪ קרח תש"פ ▪ גליון פב'

# "דו ווילסט אויפטוהן אדער דו ווילסט אָפּטוהן!"

### ווער נישט אריינגעשלעפט אין יענעמ'ס נגיעות!

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון קרח מיט זיינע צוהעלפער...

---

יעדער איד האט אין זיך די מדה פון רחמנות. בפרט ווען עס קומט צו יושר, קען קיינער נישט צוזעהן אדער הערן ווי מען באגייט זיך מיט א צווייטן נישט ביושר. דאס מדות האמת צינט זיך גלייך אן און פון זיין געפיל שרייט ארויס "זיץ נישט שטיל אין דער זייט בשעת מען בא'עול'ט יענעם, מען דארף זעהן עפעס צו טוהן!" ווער רעדט נאך ווען דער באטראפענער אליין בעט זיך ביי אים פאר רחמנות...

איידער א מענטש לאזט זיך אריין אין א דין ודברים, דארף מען זיך פרעגן, "וואס וויל איך? **איך וויל אויפטוהן אדער איינעם אפטוהן**"? א מענטש קען גרינגערהייט פארטוישן די צוויי און מיינען כמעט ווי זיכער אז מען זוכט דעם אמת, אבער ביזדערווייל גייט מען נאכאנאנד מיט די שקר... **ווי אזוי ווייסט מען דעם חילוק?**

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן יִצְהָר בֶּן קְהָת בֶּן לֵוִי וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן.** (במדבר טז א)

זאגט רש"י: וואס מיינט דאס די לשון "**ויקח**"? וואס האט קרח גענומען און וועמען האט ער גענומען? **לקח את עצמו לצד אחד להיות נחלק מתוך העדה לעורר על הכהונה.**

קרח האט זיך אליינס גענומען, דהיינו במחשבה האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז דאס איז עס! ער גייט מער נישט זיין אזוי ווי די אלע מענטשן וואס זיצן שטיל און זענען מסכים צו יעדע זאך וואס משה טוט, ער גייט מאכן א רעש און א טומל אויף די גאנצע הנהגה פון משה רבינו, **ער גייט מגלה זיין דעם אמת וואס ליגט דא באהאלטן!**

זאגט רש"י: **ויקח** טייטשט די תרגום **ואתפלג**, א לשון פון זיך צוטיילן! **נחלק משאר העדה להחזיק במחלוקת**, קרח האט זיך אפגעטיילט פון די מיינונג פון די איבריגע מענטשן, ער גייט מאכן א נייע באוועגונג וואס גייט האבן אן אנדערע מיינונג ווי ביז יעצט[א], מען גייט זיך קריגן מיט משה!

### ומה ראה קרח לחלוק על משה, וואס האט יעצט פאסירט?

זאגט די מדרש תנחומא (עי' פי' רש"י ד"ה דתן ואבירם): **נתקנא על נשיאותו של אליצפן בן עוזיאל שמינהו משה נשיא על בני קהת, על פי הדיבור.**

קרח האט געהאט א ווייטאג און א טענה אז מען האט אים זייער בא'עול'ט. וואס איז זיין טענה? זיין זיידע קהת האט געהאט פיר זוהן, ווי עס שטייט וּבְנֵי קְהָת- עַמְרָם, וְיִצְהָר, וְחֶבְרוֹן, וְעֻזִּיאֵל (שמות ו, יח). עמרם איז געווען דער בכור, האבן זיינע זונען באקומען צוויי חלקים פון גרויסקייט, איינער איז געווארן דער מלך און דער צווייטער, דער כהן גדול.

זיין זיידע'ס צווייטע זון איז געווען **יצהר**. נו, אויב אזוי, וואלט קרח, אלץ דער בכור פון יצהר, אויך געדארפט באקומען א גרויסע פאסטן! אנטשטאט דעם האט מען געגעבן פארן זיידע'ס יונגסטע זוהן, "עזיאֵל", אז זיין זוהן זאל זיין די נשיא אויף די שבט קהת.

פרעגט יעצט קרח, "איז דאס יושר? פארוואס האט מען מיר גארנישט געגעבן?"

ד"ה: קרח קומט מיט א הלכה'דיגע שטאנדפונקט, "עס קומט זיך מיר די נשיאות על פי דין, אדער לכה"פ על פי יושר. מען האט מיר זייער בא'עול'ט!"

---

[א] ואין כוונת אונקלוס "**ואתפלג**" שעשה מריבה ומחלוקת, שאם כן היה אומר "**ופליג**", אלא כוונותו שלקח עצמו לצד אחר ונחלק מן העדה (ספר הזכרון על פי' רש"י, הובא בחומש מקרא מפורש)

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

**פארוואס פונקט יעצט, פארוואס נישט גלייך נאך די התמנות פון אליצפן?** זאגט דער קדושת לוי: באמת, האט דאס גלייך ווי געטוהן פאר קרח, אבער ער האט זיך געטרייסט און געטראכט אז מען גייט דאך סייווי באלד אריין אין ארץ ישראל, וועט דאס אנהאלטן פאר זייער א קורצע צייט.

אבער יעצט, נאך די חטא פון די מרגלים וואס מען האט גוזר געווען מ"ם שנה במדבר, יעצט איז שוין דא וואס צו מקנא זיין, אליצפן גייט דאך זיין דער נשיא פאר פערציג יאר...

**לאמיר זיך מתבונן זיין! וואס וואלט איר מייעץ געווען פאר קרח? וואס איז די ריכטיגע און אמת'ע וועג דאס צו באהאנדלן.**

אודאי געוויס, די ערשטע און בעסטע מהלך איז גיין זיך אדורך רעדן מיט משה, אים זאגן וואס ער האלט און אים אליין פרעגן וואס איז פשט אז מען האט אים אזוי בא'עול'ט!

און אויב דאס גייט נישט, זאל קרח זאגן א תפילה צום רבוש"ע און אים בעטן ברחמים ובתחנונים אז דער אמת זאל נתגלה ווערן.

אבער קרח טוט דאס נישט! אנשטאט, איז ער ארום געגאנגען העצן, פארפירן און אריינשלעפן אומשולדיגע מענטשן.

פארוואס איז די מהלך בעסער? אלא מאי, מוז מען זאגן אז קרח האט גאנץ גוט געוואוסט וואס משה'ס תירוץ גייט זיין, "דער אייבערשטער האט מיר אזוי געהייסן", אבער קרח וויל דאס נישט הערן, ער איז יעצט ארום גענומען מיט קנאה!

**רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר אוֹמֵר: הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם** (אבות ד, כא). פי' הרמב"ם: והוא כי באלה המדות או באחת מהן יפסיד אמונת התורה בהכרח ולא יגיעו לו לא מעלות שכליות ולא מעלות המדות:

# קרח האט געטראפן א מהלך!

קרח ברענט די כבוד, ער דארף די נשיאות!! אבער ער האט א פראבלעם. אויב וועט ער אנהייבן שרייען און פארפירן אז ער דארף די נשיאות, וועט אים קיינער נישט אויסהערן! דער עולם וועט גלייך פארשטיין אז ער מיינט זיין אייגענע כבוד! דעמאלטס פארוואס זאל מען זיך אננעמען פאר אים?!

וואס טוט קרח? ער באהאלט זיין ציל, ער זאגט נישט וואס באמת באדערט אים. ער קומט אן ווי אן איידעלע איד מיט א שלייער פון יושר, "ער גייט זיך אננעמען פאר די יושר פונעם פאלק."

**וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב לָכֶם כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה'.** (במדבר טז ג)

זאגט די מדרש תנחומא (עי' פי' רש"י ד"ה מדוע תתנשאו): קרח האט גע'טענה'ט צו משה, "**אם לקחת אתה מלכות לא היה לך לברר לאחיך כהונה**, אויב נעמסטו פאר זיך דעם מלכות, דעמאלטס האט נישט קיין פשט צו געבן פאר דיין ברודער דעם כהונה, ענדערש וואלסטו דאס געדארפט געבן פאר איינעם אנדערש! **כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים**..."

**דער נייער פארטרעטער פון כלל ישראל, דער איש היושר הייבט אן זיין קאמפיין...**

**צו וועם גייט מען דער ערשטע? צום שכן ראובן! פארוואס זאל שבט ראובן זיך וועלן אריינמישן? קרח האט א מהלך, מען גייט זיך אננעמען פאר זייערע רעכטן...**

קרח דרייט אן שבט ראובן און זאגט זיי, "צו זענט איר נישט די שבט וואס איז דער בכור פון יעקב? פארוואס האט משה אוועקגענומען פון אייך דעם בכורה? שבט יהודה האט באקומען א שטיקל בכורה, ער איז דער ערשטער ביי די דגלים. שבט יוסף האט באקומען א שטיקל בכורה, ווייל ביים צוטיילן ארץ ישראל האט ער באקומען צוויי חלקים. וואס באקומט איר? גארנישט!! ווי איז דער יושר?"

קרח איז מוסיף אויף זיין בנין פון יושר "ווער רעדט נאך פון די עצם עולה, אוועקנעמען די עבודה וואס געהערט צו די בכורים און דאס געבן פאר שבט לוי! וואו איז דער גערעכטיקייט?! ווי אזוי האט משה געהאט דער חוצפה אזוי צו מבזה זיין די בכורים, אלעס כדי צו מכבד זיין, זיין שבט."

קרח נעמט יעדעם צוזאם, "שבט ראובן, איר זענט די בכור און די עבודה געהערט פאר אייך. די אלע טייערע בכורים, די עבודה איז געווען ביי אייך. זיצט נישט שטיל! קומט און מיר גייען זיך קריגן מיט משה!"

**וַיָּקֻמוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה וַאֲנָשִׁים מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם נְשִׂיאֵי עֵדָה קְרִאֵי מוֹעֵד אַנְשֵׁי שֵׁם.**[ב] (במדבר טז, ב)

זאגט דער מעם לועז: דריי מחלוקת'ן זענען דא געווען. **המחלוקת האחת:** של קרח... **המחלוקת השניה:** הוא של מאתים וחמשים האנשים שכולם היו בכורות, זיי האבן זיך צוגעכאפט צו די טענות, "קרח איז דאך גערעכט!" **המחלוקת השלישית:** היתה של **שבט ראובן**, "קרח זאגט דאך אזוי גוט!"

**וַיִּקַּח קֹרַח... וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן.** פארוואס דוקא זיי? זאגט דער אוחה"ק: **שהם גדולי שבט ראובן הבכור ליעקב...**

אדמו"ר הגאון הק' זיעא ממאגלינצא היה אומר בשם זקנו המגיד הק' זצ"ל מקאזניץ, שהיה רגיל לומר- בל תדמו בנפשכם כי דתן ואבירם היו מיושבי קרנות ואנשי השוק, לא כן, רק היו מלובשים מלבושי כבוד כמו מנהיגי הדור, בלבוש קאפטאן וסטראקים, והיו מעוטפים בטליתים יפים ובתפילין נאים ומהודרים, והבט נא וראה אחריתם. (ילקוט עבודת ישראל)

**ויקח קרח**, וואס האט ער גענומען און וועמען האט ער גענומען?

[ב] (עי' פי' אוחה"ק ד"ה ואומרו דתן ואבירם וגו', פי' רמב"ן ד"ה ויקח קרח בא"ד אמר רבי אברהם, מעם לועז פרק טז- המחלוקת השניה והשלישית.)

זאגט רש"י אינעם צווייטן פשט: **ויקח קרח משך ראשי סנהדראות שבהם בדברים.**

קרח האט אנגעהויבן מיט די דריי גרויסע לייט און דערנאך, האט זיך מיטגעשלעפט נאך און נאך מענטשן פון שבט ראובן, דער נשיא פון שבט ראובן- אליצור בן שדיאור, מיט זיינע חשוב'ע חברים נשיאים וראשי הסנהדרין, **חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם נְשִׂיאֵי עֵדָה קְרִאֵי מוֹעֵד אַנְשֵׁי שֵׁם...**

**יעדער שלעפט זיך מיט ווייל מען דארף זיך אננעמען פארן יושר!** מען קען נישט זיין אזוי ווי די אלע מענטשן וואס זיצן שטיל און זענען מסכים צו יעדע זאך וואס משה טוט, מען דארף עפעס **"אויפטוהן"**!

אבער ביזדערוייל,

אנשטאט **"אויפטוהן"**, הייבט מען אן **"אפטוהן"!**

קרח, דער עושר, לאדענט איין אלע זיינע צוויי הונדערט און פופציג מענטשן פאר א געשמאקע סעודה[ג]. בשעת זיי זיצן און פארברענגען, האט ער זיי אנגעטוהן טליתים וואס איז גענייט געווארן געגנצליך פון תכלת, אבער די ציצית איז געווען נאר ווייסע ציצית, אן קיין תכלת[ד]. קרח בעט זיי, "אפשר קענט איר קומען צו משה און פרעגן אויב דער סארט טלית דארף אויך נאך א ציצית פון תכלת אדער נישט."

משה רבינו ווייסט נישט קיין חכמות, ער זאגט זיי "חייבת בציצית. יא, אפי' די סארט בגד דארף אויך ציצית פון תכלת." זיי הייבן אן לאכן, "וואס? ווי אזוי קען דאס זיין? עס האט דאך נישט קיין פשט, אויב א טלית וואס איז גענייט פון אן אנדערע מין סחורה, קען בלויז איין פאדעם פון תכלת ביי די ציצית פטר'ן דעם גאנצן טלית, אודאי און אודאי קען א גאנצע טלית פון תכלת זיך אליין פטר'ן פון ציצית תכלת! און מען דארף נאר ווייסע!" (תנחומא קרח פרק ב)

אזוי האט קרח ממשיך געווען מיט זיינע שאלות, שרייענדיג, "משה, די הלכות האט מען דיר נישט באפוילן, די אלע הלכות האסטו זיך אליין אויסגעטראכט!"

**ויקח קרח**, זאגט דער רבינו בחיי: וואס האט קרח גענומען? א טלית! ער מיט אלע זיינע אנהענגערס האבן גענומען טליתים זיך צו קריגן מיט משה. ווי דער רבינו בחיי ענדיגט צו: **וקרח מרוב חכמתו שאל שאלות אלו, והיו מעין המחלוקת...** קרח דארף נישט קיין תשובות, ער וויל בלייבן מיט די קשיות!

דער צדק און יושר איז ארויף א שטאפל. קודם טשעפעט מען זיך מיט דער נביא, דערנאך לאכט מען פון די תורה ומצות און אט אט, האלט מען שוין ליידער ביים זיין א כופר באלקי ישראל רח"ל...

דער עולם איז נאך נישט גענוג אנגעגרייט, מען דארף נאך אפאר ליגיונות צו דער זייט!

## די אומשולדיגע אלמנה!

יעצט דארף נאך קרח גיין צו די איבריגע פונעם פאלק און אנדרייען זייערע מוחות.

דערציילט די מדרש (הובא בילקוט מעם לועז): קרח איז געגאנגען צו כלל ישראל, ואמר להם, "הערטס אייך גוט צו, איך וועל אייך דערציילן א מעשה נורא וואס האט מיר אינגאנצן איבערגענומען."

"ביי מיר אין שכנות, האט געוואוינט אן ארימע אלמנה מיט צוויי טעכטער, נעבעך א רחמנות, קוים וואס זי האט געהאט צום לעבן. איר גאנצע פארמעגן איז געווען בלויז איין קליינע פעלד פון וואס זי האט געצויגן פרנסה פאר זיך מיט אירע צוויי טעכטער."

"ויהי היום, די אלמנה גייט ארויס אקערן אין איר פעלד, ווען פלוצלינג קומט איר אנטקעגן משה און זאגט איר, "געב אכטונג ווי אזוי איר אקערט, איר זאלט נישט אקערן מיט אן אקס און אן אייזל צוזאמען ווייל דער אייבערשטער האט באפוילן **לא תחרש בשור ובחמור יחדו**."

די אלמנה הייבט אן זייען און עודך, זאגט איר משה, "געב אכטונג נישט צו איינזייען צוויי מינים אויף איינמאל, **כלאים** האט די תורה גע'אסר'ט." די אלמנה גרייט זיך צו שניידן איר תבואה און עודך, זאגט איר משה, "געב אכטונג איבערצולאזן אין די פעלד **לקט שכחה ופאה**." ב"ה, זי האלט שוין ביים צוזאמנעמען די תבואה, זי וויל דאס אוועקלייגן, זאגט איר משה, "איין מינוט, איר דארפט אראפגעבן פון דעם **תרומה, מעשר ראשון און מעשר שני**." די אלמנה נעבעך, אן קיין ברירה, האט אלעס אויסגעפאלגט און געטוהן גענוי וואס משה האט איר געהייסן."

"די אלמנה, זעענדיג איר מצב, פלאגנדיג מיט אזויפיל חיובים, טראכט צו זיך אליין, "עס איז מיר נישט כדאי צו האלטן די פעלד. אויף אזא אופן קען איך נישט ממשיך זיין." זי פארקויפט איר פעלד און אנשטאט דעם, קויפט זי צוויי שעפעלעך. זי וועט אפשערן זייער וואל, דאס פארקויפן פאר גוט געלט און אזוי ארום וועט זי האבן פרנסה פאר זיך און אירע צוויי טעכטער."

"ויהי היום, די שעפסל האט געבוירן א קינד און... יעצט קומט אהרן און זאגט איר, "אנטשולדיגט, איר דארפט מיר געבן דעם בכור, ווייל דער אייבערשטער האט באפוילן **כל הבכור אשר יולד בבקרך ובצאנך הזכר תקדיש לה' אלקיך**". די אלמנה נעבעך, אן קיין ברירה, פאלגט אויס און געבט אים די בכור. איר מיינט אז זי האט יוצא געווען? ווען די אלמנה גרייט זיך ענדליך צו שניידן די וואל, קומט אהרן און זאגט איר, "אנטשולדיגט, איר דארפט מיר געבן די ערשטע שניט פון די וואל, ווייל דער אייבערשטער האט באפוילן **ראשית גז צאנך תתן לו**." די אלמנה, אן קיין ברירה פאלגט נאכאמאל אויס און געבט אים אהין די וואל."

"זעענדיג איר ביטערע מצב, זאגט די אלמנה צו זיך "איך זעה שוין וואס דא גייט זיין, איך וועל זיך נישט קענען ארויסדרייען פון זיי, איך שחט דעם בהמה און פטור אן עסק." אבער ווי נאר זי שעכט די בהמה,

ג עי' בדעת זקנים מבעלי התוס' שעשה קרח משתה לכל אותם מאתיים וחמישים איש.

ד עי' פי' ראם

איז אהרן ווייטער דא. וואס איז יעצט? "אנטשולדיגט, איר דארפט מיר געבן די **זרוע, די לחיים און די קיבה** פון די בהמה."

די אלמנה, אינגאנצן צובראכן און זעענדיג אז אויף קיין שום פאל גייט זי נישט פטור ווערן, געבט א שריי, "אלע מיינע נכסים זאלן זיין אין חרם!" טראכטנדיג," לאמיר זעהן וואס מען גייט מיר יעצט זאגן." גלייך קומט אהרן און זאגט, "יעצט געב מיר אלעס אהער, ווייל דער אייבערשטער האט באפוילן **כל חרם בישראל לך יהיה**." און אזוי האט אהרן צוגענומען אלעס פון איר, נישט איבערלאזנדיג קיין שום זאך פאר איר מיט אירע צוויי טעכטער, און אזוי נעבעך זענען זיי אלע אויסגעגאנגען פון הונגער. נעבעך!"

קרח, דער געוואלדיגער בעל מספר ענדיגט צו, "איר הערט טייערע חבירים, דאס זענען די מעשים וואס משה מיט זיין ברודער טוהן. זיי זענען נאך אלעס תולה אינעם אייבערשטען און גייען ארום זאגן "אזוי האט מיר דער אייבערשטער באפוילן." האט זיי דען דער אייבערשטער אזוי באפוילן? זיי טראכטן דאס אלע אויף!"

**לאמיר זיך מתבונן זיין!**

**וואס זאגן מיר צו די מעשה? איז דאס ריכטיג אדער נישט?**

**אודאי נישט!**

**אדרבא, מאכט אליין די חשבון**: קען דען די מעשה זיין אמת? האבן דען די אידן בכלל געהאט פעלדער אין די מדבר צו אקערן און זייען? די פסוק זאגט דאך: **לא מקום זרע ותאנה וגפן ורמון** (במדבר כ). וואו פונקטליך האט די אלמנה איינגעזייט און וועלכע תבואה האט זי געשניטן, וכו' אז מען האט איר געזאגט די אלע זאכן?

ווי קען זיין אז אהרן האט איר געבעטן "די זרוע, לחיים וקיבה", ווען די מצוה איז בכלל נאך נישט אנגעגאנגען אין די מדבר? ועל כולם, די אלמנה איז געשטארבן פון הונגער? וועלכע הונגער? די אידן אין מדבר האבן קיינמאל קיין דאגה פון פרנסה נישט געהאט, די גאנצע פערציג יאר ביז נאכן אריין גיין אין א"י, האט געריגנט מן פון הימל יעדן טאג, ווי אזוי זענען זיי געשטארבן?!

די מעשה האט קיינמאל נישט פאסירט, אבער פארט, אזוי ווי די וועלט זאגט, "דו ווילסט וויסן פאקטן אדער דו ווילסט פרעגן קשיות", עס קוקט אויס זייער גוט... און עס איז גענוג גוט אויפצורעגן דעם עולם!

זאגט דער ילקוט מעם לועז: פון אט די סיפור וואס קרח האט פארציילט, קענען מיר זעהן די שטארקייט און כח פון לשון הרע, כאטש די צוהערער האבן געוואוסט אז אלעס וואס דער בעל לשון הרע רעדט איז שקר וכזב, אעפ"כ זענען די ווערטער אריין אין זייער הארץ...

**וכך הוא דרכו של בעלי המחלוקת,**
**עס הייבט זיך אן מיט א נגיעה "מען האט מיר בא'עול'ט".**
**און אויב מען באהאנדלט דאס נישט ריכטיג,**
**געבט מען א גרינג ליכט פאר די בעלי מחלוקת צו גיין ווייטער און ווייטער שלא בצדק ושלא ביושר.**
**זיי טוען די גרעסטע אומרעכט, אלעס מיטן פנים אז זיי ווילן דעם יושר און גערעכטיגקייט.**

~

שרייבט דער סטייפלער גאון: קרח, זיינע מענטשן און אלע זיינע שטיצערס האבן גוט געוואוסט טיף אין הארצן אז אלע זייערע טענות און געשרייען זענען בלויז העצע און גרינדלאז, פאפעריי און אחוזת עינים, אין בהן ממש.

אויב אזוי, ווי אזוי קען זיין אז ער האט מצליח געווען אריינצוכאפן צוויי הונדערט און פופציג מענטשן, גרויסע ערליכע אידן, צו פירן א מלחמה מיט משה וואס איז הוילע פאפעריי?

זאגט דער סטייפלער: יא, דאס איז דער כח פון פראפעגאנדע און מהומות, מען ווערט פארבלענדט און פאר'נער'ט אן קיין פשטים און אן קיין סיבות. ווי מיר זעהן אז אפי' די קרואי מועד ואנשי שם זענען פארכאפט געווארן אין די צעקה און די מהומה..." (ברכת פרץ)

קיינער האט זיך נישט אפגעשטעלט און א קלערער געטוהן,
וואס וויל איך דא?!
וויל איך עפעס "**אויפטוהן**", אדער גיי איך נאר "**אפטוהן**"!

אין אשת חיל האט אבער יא,

## די פרוי פון און בן פלת...

**אמר רב: און בן פלת אשתו הצילתו**, די פרוי פון און בן פלת האט אים געראטעוועט! דערציילט די מדרש: **אמרה ליה מה לך בהדי פלוגתא**, די פרוי, זעענדיג אז איר מאן איז אזוי פארקאכט אין די מחלוקת, האט אים געפרעגט, "זאג נאר מיין טייערע מאן, **וואס האסטו מיט די מחלוקת**, דו מיינסט אמת'דיג אז דא ליגט עפעס יושר? ועל כולם, וואו קומסטו דא אריין? דו מיינסט באמת אז דו גייסט עפעס פארדינען דא?"

ממנה נפשך, גייסטו דא זיין דער תלמיד, **אי אהרן כהנא רבה את תלמידא, אי קרח כהנא רבה את תלמידא**, עס קען זיין אז מען פארקויפט דיר אז מען מיינט דיין טובה, אבער דו גייסט קיין טובה פון דעם נישט האבן!

"איך בעט דיר, מיין טייערע מאן, מיש זיך ארויס פון די מחלוקת!" (עיי"ש באריכות ווי אזוי זי האט אים געראטעוועט, במדרש רבה במדבר יח, טו. סנהדרין קט:) און טאקע נאר און בן פלת איז פון די איינציגסטע פון די אלע וואס זענען געבליבן לעבן...

~

## וואס זאגט קרח היינט צוטאגס?

דערציילט די גמרא (וכ"ה בילקוט הובא במעם לועז): **רבה בר בר חנה** איז געגאנגען אין וועג מיט א שיירא. זאגט אים דער טייעא, דער וועג-ווייזער, "קום, איך וויל דיר ווייזן דעם פלאץ וואו קרח איז איינגעשלינגן געווארן." רבה בר בר חנה איז געגאנגען מיט אים. ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט ער געזעהן צוויי לעכער אין דער ערד און עס קומט ארויס א רויך...

זאגט אים דער טייעא, "יעצט בייג זיך אראפ און לייגט צו דיין אויער צו דעם לאך. רבה בר בר חנה האט אזוי געטוהן און געהערט א קול ארויסקומען פון דארט וואס זאגט, "**משה אמת ותורתו אמת, והם בדאים.**"

זאגט אים דער טייעא, "זאלסט וויסן אז יעדן ראש חודש דרייט מען זיי אין גיהנום אזוי ווי פלייש אין א טאפ, און זיי שרייען, "**משה אמת ותורתו אמת, והם בדאים**", ע"כ.

**פרעגן די מפורשים:** פארוואס דארפן זיי צולייגן די ווערטער, "**והם בדאים**" (און זיי זענען ליגנערס). פון די ווערטער **משה אמת ותורתו אמת,** פארשטייען מיר שוין אליין אז אויב משה איז דער אמת'דיגער, בעל כרחך זענען די אנדערע ליגנערס.

זאגט דער מעם לועז (בשם יוסף לקח ח"ב): דאס איז נישט קיין פשוט'ע הוספה, דאס איז דער יסוד הדברים וואס איז אונז מגלה דער כוונה, די סיבת המחלוקת.

דהיינו, זאלסט נישט מיינען אז דער סיבה פארוואס זיי האבן זיך געקריגט אויף משה איז געווען צוליב וואס זיי האבן געהאלטן אז זיין נבואה איז נישט קיין אמת'ע. ווייל אויב אזוי, וואלט זייער עונש נישט געווען אזוי הארב, סוף כל סוף איז דאך דאס געווען נאר א טעות, "זיי האבן אזוי געמיינט".

נאר וואס דען? זיי האבן גוט געוואוסט אז דער נבואה פון משה איז געווען אמת'דיג און אלעס וואס משה טוט איז נאר ווייל "דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן"! די מחלוקת איז בלויז געווען כדי להכעיס, "אויפצורעגן די מענטשן וואס רעגן מיר אויף, אפי' יענער איז אומשולדיג, אפי' איך גיי גארנישט אויפטוהן, איך דארף יענעם אפטוהן..."

דערפאר שרייען זיי, **משה אמת ותורתו אמת,** דער סיבה פון דעם מחלוקת איז געווען ווייל **והם בדאים**, די גאנצע קריגעריי איז געווען געבויט אויף פאפעריי...

# מוסר השכל

**ווי קאמיש די מעשה פון קרח קוקט אויס, שפילט זיך דאס נאך אפ היינטיגע צייטן.**

כסדר טרעפן מיר זיך אין פארשידענע מצבים, ווי מיר באגעגענען זיך מיט די פייערדיגע ווערטער, "זיך נישט שטיל אינדערזייט בשעת מען בא'עול'ט דיר/יענעם! מען דארף זעהן עפעס צו טוהן! **וואס איז ריכטיג צו טוהן??**

לאמיר לערנען די משנה...

**אֵיזוֹ הִיא מַחֲלֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹ מַחֲלֹקֶת הִלֵּל וְשַׁמַּאי.**
**וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹ מַחֲלֹקֶת קֹרַח וְכָל עֲדָתוֹ.** (אבות ה, יז)

זאגט דער כתב סופר: שמאי והלל האבן זיך שטענדיג געקריגט אבער קיינמאל איז חלילה זייער כוונה נישט געווען סותר צו זיין איינער דעם צווייטן'ס רייד אדער זיך צוקריגן. נאר לפי דעת הלל, ווען שמאי האט געזאגט עפעס וואס לפי דעתו איז דאס שלא כדין, האט ער געשפירט א חיוב סותר צו זיין און מעורר זיין אויף זיינע רייד כדי אים אויפווייזן דעם אמת, ווייל ווען שמאי וועט איינזעהן דעם אמת וועט ער אודאי מודה זיין דערויף.

אבער אויב וואלט הלל נישט געווען זיכער אז דאס וואס ער זאגט איז דער אמת, אדער אויב וואלט הלל נישט געווען זיכער אז מען גייט אננעמען זיינע רייד, וואלט ער זיך קיינמאל נישט אנגערופן און סותר געווען אין זיין חבר'ס רייד. **דאס מיינט מחלוקת לשם שמים.**

**דריי יסודות:** 1-איך בין זיכער אז דאס וואס איך זאגט איז דער אמת! 2-מיינע ווערטער גייען דערהערט ווערן ביים צווייטן. 3-ועל כולם, מיין כוונה איז חלילה נישט זיך צו קריגן.

הרה"ק מסאדיגוריא זיע"א פלעגט זאגן: "**עס מעג זיין חילוקי דעות, אבער חלילה עס זאל זיין פירוד לבבות**".

אנדערש איז אבער א מחלוקת וואס איז נישט לשם שמים. 1- דער מענטש האלט זיך בכלל נישט צוריק פון וואוקמאכן און אפפרעגן זיין חבר'ס רייד, 2- אפי' ווען ער ווייסט אז דאס וואס ער זאגט יעצט איז נישט הונדערט פראצענט אמת, אדער ער ווייסט קלאר אז זיינע רייד גייט נישט טוישן די מציאות, דער עולם גייט דאס נישט קויפן, דאך האלט ער זיך נישט צוריק, 3-דער עיקר איז אז ער האט מצליח געווען יענער אויפצורעגן און עס זאל ווערן א גאנצע טומל.

**זאגט דער כתב סופר:** קרח האט גאנץ גוט געוואוסט אז עס גייט נישט געשעהן פונקט ווי ער וויל אדער אפי' נאנט צו דעם, ער גייט נישט מצליח זיין אנצודרייען "גאנץ כלל ישראל" קעגן משה רבינו. משה האט דאך געטוהן אזויפיל טובות פאר זיי און אלעמאל געווען אזוי געטריי.

יא, אפשר אפאר מענטשן דא און אפאר מענטשן דארט, אבער אז דער גאנצע עולם זאל זיך אפשאקלען פון אים, דאס וועט קיינמאל נישט פאסירן. דעמאלטס וואס האט ער געוואלט? **וכוונתו היה להרעיש נגד משה שלא ישב שקט ושאנן בלי פגע,** ער האט געוואלט אנמאכן א טומל, ווייזן פאר משה אז די גאנצע זאך וועט נישט אריבער גיין שטיל, איינער מוז דאך דא ארויסזאגן זייער ווייטאג. ניין! ער האט נישט געטראכט אז עפעס גייט זיך דא טוישן, אבער יא, עס גייט ברענגן צער, ווייטאג און מחלוקת.

טייטשט דער כתב סופר די משנה: **וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם**, ווי אזוי ווייסט מען אז די מחלוקת איז נישט לש"ש? **שֶׁאֵין סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם**, ווען דער כוונה פונעם מספר, פונעם אנדרייער, איז נישט פאר עפעס וואס גייט זיין סופו להתקיים, נאר פאר עפעס וואס איז אינו סופו להתקיים, עס איז נישט אמת און עס גייט גארנישט טוישן דעם מציאות.

איידער מען קומט אריין אין אזא סיטואצי"ע, דארף מען זיך פרעגן, "וואס וויל איך? **איך וויל אויפטוהן אדער אפטוהן**"? גרינגערהייט קענען זיך די צוויי פארטוישן, מען קען מיינען כמעט ווי זיכער אז מען זוכט דעם אמת, ביזדערוויל שפאנט מען מיט די שקר... **ווער נישט אריינגעשלעפט אין יענעם'ס נגיעות, אפי' עס קוקט אויס זייער אמת'דיג!**

## הערות פון די ליינער:

**לכבוד המערכת:**

בנוגע די סכום קניפן אין די פעדעמער פון די ציצית, האב איך געזעהן ברענגען אין א ספר אז דערפאר, ביי ברוך שאמר, כאפט מען אן די פאדערשטע צוויי ציצית ווייל דאס איז מרמז צו די שם הוי'- צוויי מאל 8 פעדעמער איז 16, צוויי מאל 5 קניפן איז נאך צען, צוזאמען איז דאס 26. איי, פארוואס ביי ק"ש כאפט מען אן אלע פיר, דאס איז צוליב אן אנדערע חשבון, מען וויל ממליך זיין דעם אייבערשטער אויף אלע פיר זייטן אדער לויט ווי די זוה"ק שרייבט, האט דאס גרויס כוונות, (דער זוה"ק איז מעריך מיט סודות עמוקות בנוגע דעם סכום, אזוי אויך דער חילוק פון א טלית קטן צו א טלית גדול, תן לחכם ויחכם עוד.)

מאת פ.ג.ל. מאנסי

---

בנוגע דאס וואס איר האט געשריבן פונעם בית יעקב "וכן אם יבוא האדם לידי הרהור עבירה ח"ו ולאיזה תאוה רעה רח"ל, יביט בהציצית וינצל"... איז כדי אויסצושמעוסן אז דאס שטימט זייער שיין מיט די גמרא אין מנחות וואס דערציילט איבער א איד וואס האט ל"ע געוואלט זונדיגן אבער ווען דער ציצית האט אים געקלאפט אויף זיין פנים, האט ער גלייך חרטה געהאט, ווייל בלויז מיט קוקן אויפן ציצית האלט דאס אפ פון זונדיגן.

עס איז אינטערעסאנט צו צוליגן, אז איר וועט מדייק זיין דער אנהייב פון די מעשה שטייט דארט דער לשון "מעשה בתלמוד אחד שהיה נזהר במצות ציצית", להשמיע אז דער ציצית האט אים נאר געהאלפן ווייל "שהיה נזהר במצות ציצית", ביים דעם איד האט דער ציצית שטארק אויסגעמאכט. דאס איז ממש דער נקודה וואס איר האט ארויסגעברענגט "דער ציצית העלפט און איז א דערמאנונג נאר פאר די מענטשן וואס "והיה לכם לציצית", דער ציצית האט א חשיבות און נישט פשוט נאך א בגד.

מאת ש.ל. מאנסי

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

## צידה לדרך:

### נאך א טעם פארוואס פונקט יעצט?

**פארוואס פונקט יעצט האט זיך קרח גענומען קריגן?** אויב איז דאס צוליב די נשיאות פון אליצפן בן עוזיאל, וואלט ער דאך שוין פון לאנג געדארפט קריגן, מיום הקמת המשכן. פארוואס האט קרח געווארט ביז יעצט?

זאגט דער רמב"ן: ווייל ביז יעצט האבן די אידן זייער ליב געהאט משה, אלעס איז געווען א מחיה און ווען עס איז געווען א פראבלעם, האט ער גדאווענט פאר זיי, וכו'. אויב קרח וואלט זיך דעמאלטס געקריגט מיט משה, וואלט אים קיינער נישט אויסגעהערט. אדרבא, מען וואלט אים פארשריגן און פארשטיינערט פאר אזא חוצפה. יעצט אבער, נאך די מעשה פון די מתאוננים און די מעשה פון די מרגלים ווי אידן זענען נעבעך אוועקגעפאלן ווי קרבנות און משה האט נישט מבטל געווען די גזירה, האט קרח אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך גענומען העצן קעגן משה אז ער איז אלעס שולדיג, האפענדיג אז אפשר יעצט, ווען דער עולם איז צובראכן, וועט מען אים אויסהערן.

---

### משה רבינו טוט נאר דעם רצון השם?

ע' בספר סידורו של שבת (שורש א' ענף ב' עלים ג-ה אות ד'): **בזאת תדעון כי ה' שלחנו לעשות כל המעשים האלה כי לא מלבי** (במדבר טז' כח'). פי' שמשה רבינו ע"ה לא היה שום רצון ומחשבה חוץ מלעשות שליחות של הקב"ה, ואף שאחיו אהרן יהיה כהן גדול לא היה זאת בלבבו ולא היה שום חפץ בזה ורק עשה זאת בעל כרחו שלא ברצונו ככל שאר שליחות ששלח לו ה' שעשה כי אם למלאות רצון הבורא יתב"ש, עיי"ש.

ועיי"ש מה שכ' בשם מחותנו הרה"ק מאפטא שהקב"ה לא מצא עילה להביא מיתה למשה רבנו עליו השלום אם לא שמצא לו אף בזה מקום שליחות, ועיי"ש באריכות או משום שצוה לו שילך לאבות הקדושים להגיד שהשבועה שנשבעתי להם כבר קיימתי לבניכם, (וזה לא היה שייך כי אם במיתתו). (על פי מאמר חז"ל ברכות יח')

או לקיים מאמר הקב"ה שכתוב וימת משה כמש"א חז"ל (בבא בתרא טו.) וימת משה, מי כתבו, עד מכאן ואילך הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע, על כן כיון שה' אמר לו לכתוב "וימת משה", היה חביב בעיניו לקיים אמירתו של הקב"ה ולקיים שליחתו להשלים התורה... עיי"ש.

---

### וְלֹא יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ... (במדבר יז ה)

זאגט די גמרא אין סנהדרין (קי.): אמר רב כל המחזיק במחלוקת עובר בלאו, **שנאמר ולא יהיה כקורח וכעדתו.** פון די מחלוקת פון קרח ביזן היינטיגן טאג, ווער עס מישט זיך אריין אין מחלוקת איז עובר דעם לאו פון "ולא יהיה כקרח וכעדתו". (ועי' בסמ"ג ל"ת קנ"ז וברבינו יונה במאמר נ"ח משמע מדבריהם שהוא לאו גמור)

**און אפי' ווען בפועל איז מען נישט אזוי שטארק אריינגעמישט, קען מען נאך אלץ עובר זיין אויף דעם לאו, בלויז מיטן רעדן וועגן דעם.**

ע' בחפץ חיים (אין די פתיחה): **ואם הוא מחזיק מחלוקת ע"י ספורו עובר על לאו דלא יהיה כקרח וכעדתו.**

---

זאגט דער חידושי הרי"ם: למעשה האט קרח געדארפט ווערן אין דער נאכט א "**לוי הגדול**", פונקט ווי עס איז דא א כהן הגדול. אבער וואס זאל מען טוהן, אז אין איין שעה האט ער פארפאטשקעט זיין גרויסקייט. און אזוי ברענגט דער מהרמ"ע מפאנו.

---

אזוי אויך זאגט דער חידושי הרי"ם: אויב קרח, א זקן פון הונדערט דרייסיג יאר אלט, האט איין קליינע קנאה געקענט אים אזוי ווייט אראפברענגען. **על אחת כמה וכמה, מדה טובה מרובה, ווי הויך קען איין קליין מצוה ארויפברענגען דעם מענטש!**